STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02662

DER FETER PINI MIT DER MUME REYZE

Sholem Aleichem

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום עליכם.

דער פעטער פיני
מיט דער מוהמע רייזע.

HEBREW PUBLISHING COMPANY,
52-50 עלדרידוש סט., ניו יארק.

BRODER
THE
STATIONER & PRINTER
TEL. ORCHARD 6045
Delancey St. N.Y.C.

דער פעטער פיני מיט דער מומע רייזי.

דיא הקדמה צו דער מעשה.

אַט דאַ וויל איך אייך דערצעהלען א מעשה טאַקי פון מיין אייגענעם פעטער מיט מיין אייגענער מומע, דאס הייסט איין אייגענע איז מיר אייגענטליך דיא מומע, ניט דער פעטער; נאַר אז דיא מומע איז א מומע, איז שוין במילא דער פעטער א פעטער.

און אויסען בין איך מיט דער מעשה נאַר איין זאך: איהר זאָלט אייך אראָפּנעהמען א מוסר, וויא שלעכט ס'איז, אז מענשען קריגען זיך, וויא מיאוס דאס איז אז א מאַן שלאָגט א ווייב, אָדער א ווייב א מאַנן; און דאס אייגענע צוריק: וויא שעהן און פיין און לייטיש דאס איז, אז מענשען לעבען צווישען זיך בשלום און בכבוד, אזוי וויא גאָט האָט געבאָטען.

דיא מעשה אליין.

א הויכע, א געזונטע, דאס פנים פעט, דיא הענד מגושם גראָב, דיא נעגעל שווארץ, א קול פון א מאַנסביל, א הארץ פון א טאָטער, א קארגע, א פוילע שטיק, ניט אזא שלעכטע, וויא איין אָנגעברוגז'טע אויף דער גאַנצער וועלט, זעהר א פּראָסטע זאך — אַט דאס איז געווען דיא מומע רייזי.

נאָך א מעלה: געהאַלטען פון דער אכילה און ליעב געהאַט, זאָל זיא מיר מוחל זיין.... צווישען אונז וועט דאך עס מסתמא בלייבען? איך וואָלט דאס אייך געזאָגט גלייך, פאסט דאס אָבער נישט פאר קיין פרוי.... בקצור,

זיא האָט ליעב געהאַט דעם טרונק, און דוקא אַפּט, און דוקא אַ פּשוט ביסעל יי"ש און דוקא פון אַ טייגלאַז.

געזאָגט האָט מען אַז דאס איז אַ חולאת. אַנדערע האָבען גערעכענט, אַז דאס איז איהר געקומען בירושה פון איהר עלטער־עלטער־באָבע. געווען, זאָל האָבען אַ ליכטיגען גן־עדן, אַ גאַנץ עהרליכע, נאָר אַ גרויסע טרינקערין.

דערפאַר אָבער איז דיא מומע רייזי געווען פרום און גאָטספאָרכטיג, געגלויבט אין כשוף און שדים, וואָווקעלאַקעס, שרעטלעך מיט חלומות. ביי יעדען געניץ אויסגעשפּיגען דריי מאָל, ביי יעדען ניס זיך געצויגען ביים לינקען אויהער, געפיהרט קענטשאַפט מיט אַלע פרומע ווייבער, געטראָגען אויפ'ן האַלז קמעות מיט שמירות פון'ם רבי'ן — איין אמת'ע „וצדקתך".

פונקט דער היפך איז געווען דער פעטער פיני.

אַ קליינס, אַ שוואַרצ'ס, אַ חנוודיג'ס, אַ גיכ'ס, אַ לעבעדיג'ס, מיט קליינע ציקאַווע אייגעלאך, מיט קליינע פעסעלדיגע פיסעלעך, אַ ספּירט, אַ ברען, אַ פאַרביסענער חיטראַק.

אָט דאס קליינע פעטעריל האָט געהאַט אויף זיך אַ קאָפּ איין אייזערנע, הענד — גינגאַלדענע, און אַ מויל — פּייערפלאַם.

און שטעלט אייך פאָר, אַז אָט דאס קלוגע חיטרע פעטעריל האָט מורא געהאַט פאַר דער גראָבער נאַרישער מומע אימת מות, געלעגען ביי איהר ניין איילען אין דער ערד, קיין מויל נישט געקענט עפענען פאַר איהר, קיין איבעריג וואָרט נישט געטאָרט אַרויסלאָזען.

פאַר וואָס האָט ער פאַר איהר אַזוי מורא געהאַט? צי דערפאַר וואָס ער האָט פאַר איהר גלאַט אַזוי געהאַט דרך־ארץ? צי אפשר האָט ער געהאַפּט פון איהר אַמאָל אַ פּאַטש שטילערהייד? ווער קאָן עס וויסען. וואָס צווישען מאַנן און ווייב קומט פאָר אַז קיינער זעהט נישט?

דאס איז יודע, אַז ער האָט געהאַט פאַר איהר גרויס אָפּשיי. עס איז געווען געווען געווען, זיא זאָל געבען אויף איהם איין קוק אַ בייזען, זאָל ער שויז ווער'ען אָפּהענדיג און שווייגען וויא אַ קעצעל.

אפשר דערפאַר ווייל זיא איז געווען דער געלד־שדוך? אפשר נאָר צוליעב דער גדל'ע, צוליעב דעם וואוקס אַליין?

נאָך בשעת תנאים שרייבען האָט מען געזאָגט, אַז ס'איז ניט קיין

גלייכער שדוך, און אז ער איז געשטאַנען מיט איהר אונטער דער חופּה, האָבען איהם אַלע בעקלאָגט און בעדויערט:

— שלים־מזל! גרעסער מיט א קאָפּ פון א הונד, און פאַרבינדט זיך מיט אַזאַ געזונדע שטיק, וואָס אַז זיא הויבט נאָר אויף אויף איהם א האַנד, איז אוים פּיני!

— פּנחס! — פּלעגט זיא איהם א זאָג טהון אויף איהר גראָבע מאַנס־בילשע שטימע און נאָך א טופּע טהון דערצו מיט׳ן פוס, פּלעג ער בלייבען אָהן לשון.

דערפאַר אָבער אַז זיא איז נישט געווען אין דער היים, פלעגט ער ווערען מיט אמאָל באַריידעוודיג, זיך דעלאָזען אויפ׳ן גענינקעל, וויא א לאַשעקיל, האָץ—האָץ, פּראַלען און בעריהמען זיך, דערצעהלען גוזמות און האַקען שקרים.

לאָז ער מיר מוחל זיין — דעם חסרון האָט ער געהאַט: ער איז געווען בטבע א שטיקעל באַריהמער און ניט קיין קליינער שקרן.

אמת, דיא מומע רייזי איז אין דער זאַך אויך געווען נישט קיין גאָר גרויסע צדיקית, און אפשר טאַקי שטאַרק געחאַפּט אין דער מעשה. דער חלוק איז נאָר געווען וואָס, אַז זיא האָט געזאָגט א ליגען איז ער געווען משונה גראָב, לעפּעשעוואַטע; און אַז ער האָט אָפּגעטאַקט א ליגען איז דאָס אויסגעקומען אָגיל־וּאשמח — קיילעכדיג און שפּיצעכיג.

אויף וויפיעל ער איז געווען צוגעלאָזט צו מענטשען, א נחמד לבריות און געקאָנט זיך באַגעהן מיט דער וועלט, אויף אַזוי פיעל איז זיא געווען פּונקט דער היפך: זיך בעגאַנגען מיט מענשען גראָב, דיא דינסטען גע־טראָגען פאַר דיא צעפּ, געשלאָגען מכות־רצח, נישט געווען ביי איהר קיין רחמנות אויף א לעבעדיגער זאַך: וואָס א מענש, וואָס להבדיל א הונד, א קאַץ, אַלץ איין שוואַרץ יאָהר.

דער פעטער פּיני האָט דאָס נישט געקענט גלייכגילטיג צוזעהען, ער האָט אָבער געמוזט שווייגען. א ברירה האָט ער געהאַט?

מורא האָבען פאַר א מענשען איז, דאַרפט איהר וויסען, א גרויסער ענין, ובפרט נאָך פאַר א ווייב, ובפרט נאָך פאַר אַזאַ ווייב, וויא דיא מומע רייזי.

אַלסדינג אויף דער וועלט איז אָבער ביז אַ צייט.

עס איז געקומען אַ צייט אויף זיי אויך, אויף דעם פּעטער פּיני מיט דער מומע רייזי.

*   *

*

ומעשה שהיה כך וזיה.

געווען איז ביים פּעטער פּיני איין אַלטער גוטער פריינד, מיט זיין ליבען נאָמען יענקעל־דוד.

איז ער געווען, אַט דער יענקעל־דוד, אַ גרויסער סוחר, איין אויפ־געקומענער עושר, אַ גביר עצום, און אַ חכם מחוכם, אַ דורכגעטריבענער יונגאַטש, און, זאָל ער מיר מוחל זיין, איין עזות מחוצף פּנים, אַ שייגעץ — דאָס שוואַרצאַפּעל פון'ם אויג.

ויהי היום טרעפט זיך אַ מעשה, דער יענקל־דוד קומט זיך צענויף מיט'ן פּעטער פּיני און צורעדט זיך מיט איהם פון דעם און פון יענעם, וויא אַזוי געהט עס איהם אין געשעפט? און וואָס מאַכט ער אין געזונד? און וויא אַזוי לעבט ער מיט דער מומע רייזי?

— אָ אָ אָ ! — מאַכט צו איהם דער פּעטער פּיני.

— וואָס אָ אָ אָ? — פרעגט איהם יענקעל־דוד. — וואָס בעדייט דער „אָ אָ אָ“?

האָט זיך דער פּעטער פּיני וויא פאַרשעמט און אַ קוק געטהון אויף אַלע זייטען.

— וואָס דרעהסט דוא זיך וויא אַ חנוכה־דריידיל? — מאַכט צו איהם יענקעל־דוד.

— ש ש ש ! . . . — מאַכט צו איהם דער פּעטער פּיני . . . און קוסט זיך אַרום.

— וואָס ש ש ש'קעסט דוא אַזוי? — פרעגט איהם ווייטער יענקעל־דוד, — דוא האָסט מורא פאַר דיין פּלונית, זיי זיך מודה?

— ש ש ש, רעד אַביסעל שטילער. — מאַכט צו איהם דער פּעטער פּיני מיט אַ רחמנות פּנים.

— בהמה בצורת אדם! — זאָגט צו איהם יענקעל דוד, — אויב דוא

האָסט מורא פאַר אַזאַ ליימענעם גולם מיט גראָבע פּאָלקעס, ביזט דואַ מאַקי ווערט מע זאָל דיר טרעטען מיט די פיס.

ששש, וואָס רעדסט דואַ? קוק אָן אַ וואוקס, בעטראַכט אַ האַנד, אַ פום, הער אַ קול פון אַ נקבה!

— פעטאַך איינער! דואַ נאַרישער לעקוש! דואַ שוטה בן פיקהאָלץ, ביזט דאָך עפּיס אַ מאַנסביל אויף דער וועלט! בעווייז דואַ גרויסער נאַר, בעווייז דיין כח, איך בין דיר ערב, אַז דואַ נעמסט זיאַ רעכט צום פּאַטשען, ווערט זיאַ ווייך וויאַ טייג און זיס וויאַ האָניג...

— פּאַטשען?!?...

דער פּעטער פיני האָט אָזש אָנגעהויבען צו טרייסלען זיך פאַר שרעק, ציטערען וויאַ אַ לעמעלי.

— פּעטש, דואַ אָפּגעריסענער נאַרר! פּעטש וויאַ האָלץ! און דוקאַ אין דיאַ באַקען! און דוקאַ אַלע טאָג! און דוקאַ אַלערליי, און דורכאויס גרויסע!...

בקצור, אָט דער יצר הרע יענקעל־דוד האָט מיט איהם אַזוי לאַנג אַריינגעשמועסט אין עסק, ביז ער האָט זיך מודה געווען, אויסגעגאָסען זיין ביטער הארץ פאַר איהם, וויאַ פאַר איין אייגענעם, און אָזש צעוויינט זיך:

— יענקעל־דוד, ברודער, ס׳איז. הערסט דואַ. ניט גוט, ניט אויס־צוהאַלטען פון אָט דער בחור׳טע!

— פּעטש, בהמה! פעטש, דואַ פערד איינער!

— פּעטש?

— פּעטש וויאַ האָלץ!...

אַ געמאַכטע מכשפה, זאָגט מען, איז ערגער וויאַ אַ געבאָרענע: פּלוצים אומגעריכט (איין מאָל אויף דער נאַכט איז דאָס געווען) איז ער וויאַ אויסגעוואַקסען, מיט אַמאָל געוואָרען העכער, בעקומען מוט, אַריין אין כעס, אָנגעפאַלען אויף איהר און גענומען זיאַ בויקערען, קנייפּען און בעכען אויף אַלע זייטען.

תחילת האָט זיאַ ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָס איז, געמיינט אַז דער פּעטער איז משוגע געוואָרען.

— פנחס! גאָט איז מיט דיר! וואָס טהוסט דוא דאָס?....

— זעהסט דאָך וואָס איך טהו: איך פּאַטש!....

— דוא? מיך?....

— איך! דיך!.....

צוגענומען דיא ערשטע געשמאַקע קלעפּ איז דיא מומע רייזי געבליבען עפּים וויא פריטשמעליט. וויא אין אַ טשאַד איז זיא אַרומגעגאַנגען דערנאָך עטליכע טעג, זיך נישט געגלויבט אַז ס'איז אויף דער וואָהר.

און זיא איז אַוועק צו דער משפחה, זיך געהאַלטען איין עצה מיט איהרע גוטע פריינד, און איז געקומען אַהיים און האָט איהם אַ נעם געטאָן אויפ'ן צימבעל: זאָג מיר נאָר, דוא קליינער וועווריק, דוא פינטשוק איינער, דוא אַזעלכער און אַזעלכער! וויא האָסט דוא געהאַט אַ העזה גאָר אויפצוהויבען אויף מיר אַ האַנד. און פאַר וואָס? זאָג מיר נאָר איין וואָרט: פאַר וואָס?

דערהערט איהר קול, איהר מאַנסבילשע שטימע, האָט דער פעטער פיני שוין אָפּגעלאָזט הענד און פיס און אָנגעהויבען ציטערען וויא אַ פיש אין וואַסער. אַ גליק, וואָס אין דער מינוט איז אונטערגעקומען יענקעל־דוד, או דיא מומע רייזי האָט זיך גענומע פאַר איהם קלאָגען, צושטעלען דעם פעטער אַ בענקעלי, באַווייזען וויא אַזוי ער האָט באַליידיגט איין אָרענטליכע פרוי, זיא געמאַכט ברוין און בלוי.

— נישקשה, — האָט זיא געזאָגט, — רב יענקיל־דוד איז אַ היימישער מענש, זיי מעגען וויסען, זיי מעגען אַלסדינג וויסען. פאַר זיי שעם איך מיך נישט, הערט איהר, ער האָט מיר אויסגעריסען אַ שטיק פלייש, איבער־געבראָכען דעם גראָבען ביין, אָט אַ דאָ, אָ!

און די מוהמע רייזי האָט פאַרקאַטשעט דעם אַרבעל און בעוויזען איהם אַ האַנד איין אָנגעשוואָלענע ווי אַ קישען, און בלוי אזוי ווי דרילים.

דער שעהנער מענש יענקעל דוד האָט כלומרשט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ

דער שעהנער מענש יענקעל דוד האָט כלומרשט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, געשמוצערט מיט די ליפּעז און הינטערווייל־עכעם צוגעברומט אונטער דער נאָז:

— בראוואָ, פיני, בראוואָ!...

— ניין! — האָט נעבאַך געטענהעט די מוהמע רייזי און געוויינט, נעגאָסען מיט טרעהרען — איך פרעג איהם נאָר איין זאַך, לאָז ער מיר זאָ־גען, ווי האָט ער געהאַט אַ העזה אויפצוהויבען אויף מיר אַ האַנד און פאַר וואָס? ניין! לאָז ער מיר זאָגען: פאַר וואָס? פאַר וואָס? פאַר וואָס?..

און אָט אזוי זאָגענדיג אַלע מאָל העכער און העכער: פאַר וואָס? פאַר וואָס? איז זיא צוגעטראָטען צו איהם אַלץ נעהענטער און נעהענטער, שוין אויפגעהויבען אַ האַנד און געוואָלט איהם איינטיילען ווי ער איז ווערט גע־ווען, האָט זיך אָבער בשעת מעשה געטראָפען אַ נס: דער פעטער פיני האָט געגעבען אַ שפּרונג איהר גלייך אין פּנים אריין ווי אַ קאַץ, איז אָנגעפאַלען אויף איהר, און אַ האָגעל פון פעטש, קלעפּ מיט קולאַקעס האָט זיך געשאָטען נעבאַך אויף דער מוהמע רייזי — ס'איז געווען פּשוט אַ רחמנות צו קוקען.

— היינט ווייסטו דו שוין פאַר וואָס?

אזוי האָט איהר געענטפערט דער פעטער פיני גאַנץ ערענסט און מיט אַ שמייכעלי אויף די ליפּען און דער שיינער מענש יענקעל דוד האָט גע־מאַכט אַ רחמנות פּנים כלומרשט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, געשמיצערט מיט די ליפּען און צוגעברומט אונטער דער נאָז

— בראַוואָ, פיני, בראַוואָ!..

אָט דאָ איז שוין די מוהמע רייזע ארויס פון די כלים, האָט זי זיך אַ וועקגעשטעלט אין מיטען שטוב און מיט אַ רויט פּנים, מיט בלויע פלעקען האָט זיא אַ זאָג געטהון:

— הער זשע אוים, דו ממזר! כל־זמן דו האָסט מיך בעלעדיגט אז קיי־נער האָט נישט געזעהען, האָב איך דיר אָפּגעשוויגען. אצונד, אז פרעמדע מענשען ווייסען שוין וויל איך זעהען ווי אזוי דו וועסט מיך שלאָגען אנו פּרוב!

אזוי האָט זיא געזאָגט, די מוהמע רייזי, צוגעגאַנגען צו איהם גאַנץ נאָהענט, פארקאַטשעט די ארבעל און אָנגעהויבען חאַפּען פון איהם פעטש אוי אַלע זייטען... די פענסטער האָבען אזש געקלונגען...

די מוהמע רייזי איז אַ צעשלאָגענע, אַ צעהרגעטע, אַ צעדמ'טע געקראָ־כען צו איהם אַלע מאָל: אַ נו, נאָך אַמאָל! אַ נו, פּרוב נאָך אַמאָל!..

און ער האָט איהר געגעבען נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל... און טאַקי נאָך אַמאָל....

אין דער שעהנער מענש יענקעל דוד איז געשטאנען כלומרשט איבער־רעשט, געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, געשמוצערט מיט די ליפּען, און שטילערהייד צוגעברומט אונטער דער נאָז:

אָט אזוי, פיני, בראוואָ!...

* *

*

אייך איז אודאי בעקאנט דאָס אלטע ליעדעל:

„ציגעלי מיגעלי קאָטעגיו,

רויטע פּאָמעראנצען.

אז דער טאטע שלאָגט די מאַמע,

געהען די קינדער טאנצען"...

ס׳איז געוואָרען ביי זיי א שטוב — מע זאָל בעהיט און בעוואָרענט ווערע. איטליכער האָט געטאָהן וואָס ער האָט געוואָלט. דער פעטער אליין האָט אונטערגעהעצט די עלטערע קינדער, זיי זאָלען נישט פאָלגען די מאמע, און די קלענערע קינדער האָט ער אָנגעשטעלט, זיי זאָלען איהר שטעלען פּיי־גען. די דינסטען צווישען זיך האָבען זיך געריסען ווי די קעץ און געשלעפּט, גגנב׳עט אויף וואָס די וועלט שטעהט.

— לאָז דאָס געהן אין דער ערד אריין!

אזוי האָט געזאָגט די מוהמע רייזי און זיך גענומען צום פלעשיל.

בקצור ס׳איז געווען מיאוס, אזוי מיאוס אז עס האָט שוין געהאלטען ביי גט׳ן זיך, א ניט וואָלט געוואָרען א תל פון זייביידען.

האָט זיך אריינגעמישט דעם פעטער פיני׳ס גוטער פריינד יענקעל דוד, זיך אריינגעלייגט אין א שלום.

א צינד — האָט ער געזאָגט — איז די בעסטע צייט איהר זאָלט זיך קינדערליך, איבערבעטען, ווערען חבר און אָנהויבען מאכען א נייע לעבען.

לאנג האָט געהאָרעוועט יענקעל דוד, געגאנגען פון איינעם צום אנדע־רען, איינגעטענה׳ט: „ביז וואנען אין דער שיעור? גענוג צו קריגען זיך, גענוג לייטישע געלעכטער, עס קאָן חלילה ווערען פון זיי ביידע א תל־עולם, פון זיי און פון זייערע קינדער.

עס האָט איהם אָבער געהאָלפען ווי דער פאראיאָהריגער שניי: די

משפחה האָט ניט דערלאָזט, און ניט געגוג די מוהמע רייזי איז געווען צור־הרג׳עט, צעדמ׳ט און צעבלוטיגט, אַרומגעגאַנגען שטענדיג מיט פערשוואָ־לענע באַקען און מיט לאַנטערנעס אונטער די אויגען, איז זי נאָך געווען צו די צרות איין איינגעשפּאַרטע זאַך איין עקשנטע און גדולדיג ביי זיך עד איין לשער.

— וואָס וועט זיין דער תכלית? — האָט מען איהר איינגעטעהנעט — ביז וואַנען איז דער שיעור? מען וועט דאָך אייך אריינלייגען אַ לעבע־דיגען אין דער ערד אריין!

— מיר וועלען נאָך זעהען! -- האָט זיא געענטפערט — מיט וועלען נאָך זעהען ו ו ע ר — ו ו ע מ ע ן! ...

— גט זשע זיך אָפּ מיט איהם און איין עק לאָז דאָס האָבען!

— גט וועל איך ביי איהם נעהמען? אַ מכה וועל איך ביי איהם נעה־מען! אַ חלירע! אַ מיתה משונה! ער וועט מיך אַזוי לאַנג שלאָגען ביז עס וועט איהם נמאס ווערען! ... וואַרט אויס, מיר וועלען נאָך זעהען! ...

און זי האָט ניט אויפגעהערט זיך עצה׳ן מיט פריינד און גוטע פריינד און די משפחה האָבען איהר געגעבען עצות זי זאָל זיך האַלטען איינס, נישט הערען קיינעם, שטעלען דער גאַנצער וועלט אַ פייג.

און זיא האָט געפאָלגט די משפחה, נישט געהערט קיינעם, געשטעלט דער גאַנצער וועלט אַ פייג, און נישט אויפגעהערט צו חאַפּען קלעפּ מיט קור־לאַקעס פון אַלע זייטען...

בקצור מענשען האָבען נישט געקאָנט שוין צוזעהען דעם צער, און מע האָט זיךא אריינגעלייגט, און גענומען זיי ביידע צום דין, און מען האָט אָנגעשריבען אַ פּאַפּיר, און זיי ביידע האָבען זיך געחתמעט אַז:

1) ניט ער און ניט זי טאָרען זיך קיין מאָל נישט שלאָגען.

2) ניט קריגען ניט זאָגען איינס דאָס אַנדערע קיין קרום וואָרט.

3) זי טאָר ניט טרינקען קיין בראָנפען אַ חוץ שבת און יום טוב..

4) זיא דאַרף זיך פיהרען ווי אַלע ווייבער פיהרען זיך: געהן ריין ארום זיך... ניט רעדען הויך... נישט מישען זיך צווישען די קינדער נישט שלאָגען קיין דינסט נישט מוטשען קיין קעץ.

5) אויך ער איז מחויב זי האַלטען בכבוד.

6) ניט זידלען, ניט טאַדלען, נאָר געהן מיט איהר פּיט גוטען.

7) זעהען זי זאָל זיך צולערנען אַ ביסעל עברי... דאַוונען,, אַריינקוקען אַמאָל אין אַ טייטש חומש... מעין זיין אין חובת הלבבות... שאַפען אַ בעגריף אין קב הישר... בכלל אויסלערנען איהר אַביסעל דרך־ארץ, זי זאָל וויסען מיט מענשען צואומגעהן....

8) דעמאָלט וועלען די קינדער איהר במילא אָפּגעבען כבוד, און די דינסטען וועלען האָבען דרך ארץ.

אָפּגעחתמעט דאָס דאָזיגע פּאַפּיער האָט מען דאָס אוועקגעלייגט ביי'ם דין לזכרון און דאָס פּאָר פּאָלק איז אוועק אַ היים בשלום און' עס איז געוואָרען ביי זיי שלום ושלוה זיי האָבען געלעבט, זאָגט מען, ווי די טייבעלעך, ווי שטילע שעפּעלעך, ווי חתן כלה נאָר וואָס פון דער חופּה, אין עושר און אין כבוד.

* *

*

אַלסדינג, זאָגט מען, איז גוט וואָס האָט אַ גוטע סוף. הלואי זאָל דער אויבערשטער געבען עס זאָל זיך תמיד אַלסדינג זיך אויסלאָזען אַזוי גוט, היינט און אַלע מאָל, מיט אונז און מיט כל ישראל, און מיט אַלע מענשען פון דער גאַנצער וועלט.

אמן.

עס איז ערשיענען פון דרוק דער בעריהמטער ראָמאַן

פריהלינג שטראָמען

— פון —

א. טורגעניעוו

איבערזעצט פון לעאָן קאָברין

„פריהלינג שטראָמען" איז איינע פון די בעסטע ווערק וואָס דער גרויסער רוסישער שרייבער א. טורגעניעוו האט געשאַפען. אין דיעזע ווערק גיט ער אונז אַ בילד פון איין עלטערען אונפערהייראַ־טען מאַן, וועלכער בערייעט זיין אויסגעלאַסענעם און פרייליכען לע־בען אין דער יוגענד; עראינערונגען קומען איהם אין קאָפּ אַזוי ווי פריהלינג־שטראָמען, זיי לאָזען איהם ניט רוהען און פערפאָלגען איהם ווי שוואַרצע שאָטענס, ער דערמאָהנט זיך ווי ער האָט אַמאָל געלעבט, געליעבט און האָט געקענט פיהרען אַ גליקליכען פאַמיליען־לעבען און האָט עס אליין צושטערט און פערניכטעט צוליעב זיינע דומע און רייצענדע פאַנטאַזיעס. אָט דיעזע געדאַנקען הערטרינקט ער אין בערויִשענדע געטרענקע.

„פריהלינג־שטראָמען" איז אַ מייסטערהאַפטע שילדערונג. איהר זעהט ווי אין אַ שפּיגעל אַלעס וואָס די ריינע פאַנטאַזיע פון פערפאַסער האָט געוואָלט ארויסברייגען, און איהר ווערט בעגייסטערט לעזענדיג.

„פריהלינג שטראָמען" איז געדרוקט אויף אַ שעהנעם פּאַפּיער און געפאסט אין אַ פּראַכטפאָלען קאָווער.

פּרייז 30 סענט

צו בעקומען ביי אַלע בוכהענדלער, ווי אויך ביי די פערלעגער

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.

גאַבריעלאַ ד'אַנונציאַ'ס ערצעהלונגען

איבערזעצט אין אידיש פון מ. זילבערמאַן.

גאַבריעלאַ ד'אַנונציאַ איז דער גרעסטער רעאַליסטישער שרייבער פון איטאַליען און זיינע ווערק זיינען איבערזעצט געוואָרען אין אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכען, אין איניגע לענדער זיינען מאַנכע פון זיינע ווערק פערבאָטען געוואָרען צו דרוקען, ווייל זיי זיינען זעהר רעאַליסטיש געשריעבען.

„גאַבריעלא ד'אַנונציא'ס ערצעהלונגען", וועלכע מיר האָבען יעצט ארויסגעגעבען ענטהאַלט די פאָלגענדע צעהן ערצעהלונגען, וועלכע זיינען די בעסטע וואָס ער האָט געשאַפען, נעמליך:

1 די אלמנה.	6 אַן אידיליא.
2 אונטער'ן רעגען.	7 ארסאָלאַ.
3 סינאָר פעפּאָ.	8 דער איבערשיפער.
4 טאָטאָ.	9 מונזשיא.
5 עפּיסקאָפּאָ.	10 אַננאַ'ם לעבען.

דאָס בוך איז שעהן געדרוקט און פּראַכטפאָל געבונדען.

פּרייז בלויז 40 סענט

(פּאָרטא פריי)

HEBREW PUBLISHING COMPANY

50-52 Eldridge St., New York.

דער אשמדאי

— פון —

לעאָניד אנדרעיעוו

איבערזעצט פון מ. קאַטץ.

דיזע דראַמאַ איז די גרעסטע קונסט־ווערק וואָס איז בעשאַפען געוואָרען אין דיזען יאהר־הונדערט, עס איז אַ ווערק צו לערנען און שטודירען ערהאַבענע געדאַנקען, פילאָזאָפישע אָבהאַנדלונגען און אירדישע נייגונגען, און אַלעס איז ווי מיט אַ שלייער פערדעקט אום דער לעזער אָדער דער צושויער זאָל ניט מיט אַמאָל פערבלענדעט ווערען פון די גלענצענדע און שטראַהלענדע הערליכקייט וואָס ליעגט אין דיזער ווערק.

דער אשמדאי וועט פון אָנפאַנג פיר דעם לעזער זיין אַביסעל שווער צו פערשטעהן אָבער אַז ער וועט האָבען דורכגעלעזען די ערשטע סצענעס פּאָרזיכטיג וועט ער דאַן שטופענווייז אָנפאַנגען צו פערשטעהן און בעגרייפען די גוואַלדיגע קונסט און קריטיק וואָס ליעגט בעהאַלטען אין דיזער ווערק, און אַזוי ווי אַ מאַגנעטישע קראַפט וועט איהם ציהען צו לעזען אַלץ ווייטער און ווייטער צו דערגרייכען די טיעפסטע געדאַנקען וואָס דער פּערפאַסער האָט געוואָלט דורכפיהרען.

דער אשמדאי איז ערשט מיט אַ יאָהר צוריק ערשיענען פון פּערפאַסער'ס פעדער און אין דיזער קורצער צייט איז עס שוין איבערזעצט געוואָרען אין אַלע וועלט־שפּראַכען און האָט געמאַכט די גרעסטע סענסיישאָן אין אַלע וועלט טהיילען, עס איז אויפגעפיהרט געוואָרען אין די גרעסטע טהעאַטער־טעמפּלען און איבעראַל האָט עס געמאַכט דעם גרעסטען ערפאָלג.

דער אשמדאי וועט אויך קירצליך אויפגעפיהרט ווערען אויף דער אידישער ביהנע פון די ליפּצין טהעאַטער קאָמפּאַני און וועט אויך זיכער האָבען דעם זעלבען ערפאָלג.

דער אשמדאי איז פיין געדרוקט אויף אַ שעהנעם פּאַפּיער און געפּאַסט אין אַ פּראַכטפאָלען קאָווער.

פּרייז 25 סענט.

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.

וואשינגטאן.

א בעשרייבונג פון דעם גרויסען קריעגס־העלד

דזשארדזש וואשינגטאן,

וועלכער איז געוועזן דער ערשטער פרעזידענט פון אמעריקא.

וואס נאך קען זיין אזוי וויכטיג פיר דעם אידען, וויא דיא געשיכטע פון דזשארדזש וואשינגטאן?

ווער נאך האט אזוי פיעל געלייסטעט פיר דעם אלגעמיינעם גליק פון דער מענשהייט, וויא דזשארדזש וואשינגטאן?

ווער נאך האט פערוועטעט זיין פערמעגען, זיין גליק און זיינע בעסטע יאהרען פיר דעם גליק פון זיין פאטערלאנד, וויא דזשארדזש וואשינגטאן?

ווער נאך איז אויסגעשטאנען אזוי פיעל מאנגעל, נויטה, הונגער און דיא גרעסטע געפאהרען, אום ארונטערצורייסען דיא שקלאפען־קייטען פון זיינע מיט־ברידער, וויא דזשארדזש וואשינגטאן?

קיינער קען זיך צו איהם פערגלייכען, און מיר אידען, וועלכע זיינען געוועזן דיא ערשטע, וואס האבען גענאסען דיא פריכטע פון זיין תורה (דיא קאנסטיטושאן פון דיא פעראייניגטע שטאאטען), דארפען זיין בעקאנט מיט זיין געשיכטע.

אין דער צייט, ווען דער פאנאטיזמוס האט געהערשט מיט דער גרעסטער געפאהר אין אלע לענדער און אלע אידען פון דער גאנצער וועלט זיינען געוועזן אונטערדריקט און פערשקלאפט, האט דאן אמעריקא אונטער וואשינגטאנ׳ס קאנסטיטוציאן, וועלכע מאכט קיין אונטערשיעד פון איד ביז קריסט, און אנערקענט דיא גאנצע מענשהייט אלס ברידער, און דיא ערשטע געעפענט איהרע טויערן פיר דיא פערשקלאפטע און פערוואגעלטע אידען, און דער איד געניעסט נאך דיא פריכטע פון זיין קאנסטיטוציאן עד היום.

אין דיעזען בוך „וואשינגטאן“, ווערט געשילדערט זיין גאנצען לעבענס־לויף, זיינע געדאנקען, זיינע פעהיגקייט, זיינע פאטריאטישע געפיהלען אלס שטאאטסמאן, און זיין גייסט און שטרעבען פיר דעם אלגעמיינעם וואהל זיין פיר דער מענשהייט.

פרייז 10 סענט.

צו בעקומען אין אלע בוכהאנדלונגען און צייטונגס־סטענדס, וויא אויך בייא

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.